**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט איין מיליאן N95 מאסקעס צו צוגעשטעלט ווערן פאר ניו יארקער אזוי ווי די השפעות פון די קאנאדישע וואלד פייערן זעצן פאר צו שעדיגן די לופט קוואליטעט אין ניו יארק סטעיט

***400,000 פנים מאסקעס פון א הויכע קוואליטעט וועלן צוגעשטעלט ווערן צו פארטיילט ווערן פאר די פובליק ביי סטעיט איינריכטונגען אין ניו יארק סיטי ראיאן, אריינרעכענענדיג לאקאציעס פון די מעטריפאליטען טראנזיט אויטאריטעט און פארט אויטאריטעט, ניו יארק סטעיט פארקס און די Javits Center***

***נאך 600,000 מאסקעס וועלן צוגעשטעלט ווערן פאר לאקאלע רעגירונגען ביי די זאפאסן פון די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס צו ווייטער פארטיילט ווערן פאר די אלגעמיינע פובליק***

***מער פון 100 וואלד פייערן ברענגען יעצט אין קוויבעק, פאראורזאכנדיג די לופט קוואליטעט אומשטענדן צו ווערן שלעכט אריבער ניו יארק סטעיט***

***גאווערנער האקול מוטיגט סקולס צו אפרופן דרויסנדיגע אקטיוויטעטן אין באטראפענע ראיאנען, אלע ניו יארקער צו באגרעניצן דרויסנדיגע אקטיוויטעטן און זיין אויפמערקזאם איבער סיי וועלכע נעגאטיווע געזונטהייט השפעות***

***ניו יארק סטעיט לופט קוואליטעט האטליין: (800) 535-1345***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אומגעפער איין מיליאן N95-סטיל מאסקעס פון א הויכע קוואליטעט וועלן צוגעשטעלט ווערן פאר ניו יארקער אזוי ווי רויעך און שטויב נעפל אלץ רעזולטאט פון אנגייענדע קאנאדישע וואלד פייערן זעצן פאר צו באטרעפן די לופט קוואליטעט אריבער די סטעיט. די סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Departments of Environmental Conservation, DEC) און העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH) זעצן פאר צו ארויסגעבן לופט קוואליטעט ווארענונגען. לויט לעצטיגע שאצונגען און אדווייזאריס איז די לופט קוואליטעט אינדעקס (air quality index, AQI) ערווארטעט צו זיין אויף א נישט געזונטע שטאפל פאר רוב פון די סטעיט אינדרויסן פון די נארט קאנטרי דורכאויס דעם היינטיגן טאג.

"יעדע חלק פון ניו יארק סטעיט האט געהאט א נישט געזונטע לופט קוואליטעט אין די לעצטע 24 שעה אלץ רעזולטאט פון קאנאדישע וואלד פייערן, און אונזער הויפט פריאריטעט יעצט איז צו האלטן ניו יארקער זיכער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זיין אויסגעשטעלט פאר א לענגערע צייט צו די שעדליכע לופט וועט פאראורזאכן נעגאטיווע געזונטהייט השפעות, און דערפאר שטעלן מיר צו מאסקעס

פון א הויכע קוואליטעט אין פלעצער אריבער ניו יארק וואו עס איז דא אסאך טראפיק. איך מוטיג יעדן איינעם אין באטראפענע ראינען אריבער די סטעיט צו בלייבן אינעווייניג און רעדוצירן דאס זיין אויסגעשטעלט צו די שעדליכע רויעך ביז די לופט קוואליטעט פארבעסערט זיך."

מאסקעס וועלן פארטיילט ווערן ביי די פאלגנדע לאקאציעס:

- גרענד צענטראל טערמינאל
- פען סטאנציע
- פולטאן צענטער
- דזשעמעיקע צענטער
- הויפט פאסאנזשירן זאל פון די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל, דרום פליגל
- דעני פארעל ריווערבענק סטעיט פארק, הארלעם
- ראבערטא קלעמענט סטעיט פארק, בראנקס

פריער היינט האט גאווערנער האקול רעקאמענדירט אז דרויסנדיגע סקול אקטיוויטעטן זאלן אפגעשטעלט ווערן בשעת די לופט קוואליטעט פארבלייבט א זארג. די גאווערנער האט אויך געמוטיגט ניו יארקער צו אפשטופן סיי וועלכע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן אין באטראפענע ראיאנען ביז די אומשטענדן פארבעסערן זיך. DEC און DOH עקספערטן זענען פאר צו נאכפאלגן די לופט קוואליטעט, נאכקוקנדיג רויעך און וועטער אנטוויקלונגען פון די נאענט.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services) קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "ניו יארקער זאלן טוהן אלעס וואס זיי קענען צו בלייבן זיכער דורכאויס די קומענדיגע טעג, אזוי ווי רעדוצירטע לופט קוואליטעט זעצט פאר צו ברענגען שעדליכע געזונטהייט השפעות. מיר שטעלן צו מאסקעס פון א הויכע קוואליטעט אריבער די סטעיט, און מיר רעקאמענדירן אז יעדער איינער זאל באגרעניצן זייערע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן צו רעדוצירן דאס זיין אויסגעשטעלט."

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "ניו יארקע עקספערטן האלטן אין איין נאכפאלגן די לופט קוואליטעט אזוי ווי די סטעיט ווערט באטראפן פון וואלד פייערן אין קאנאדע, און צוזאמען מיט אונזערע סטעיט שותפים איז די DEC איבערגעגעבן צו האלטן די פובליק אינפארמירט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו צושטעלן מיטלען צו העלפן אדרעסירן פאטענציאלע אויסשטעלונג צו שעדליכע לופט קוואליטעט, און איך מוטיג ניו יארקער צו אונטערנעמען שריט זיך צו באווארענען דורכאויס די אנגייענדע טרוקענע וועטער צו פארמיידן סיי וועלכע פייער סכנות דא אינדערהיים."

**צייטווייליגער סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "מיט רויעך פון די קאנאדישע וואלד פייערן איבערדעקנדיג אונזער סטעיט, זענען מיר באזונדערס באזארגט איבער די ניו יארקער וועלכע זענען די מערסטע אויסגעשטעלט צו האבן נעגאטיווע געזונטהייט השפעות פון די נישט געזונטע לופט קוואליטעט. דאס רעכנט אריין מענטשן מיט הארץ פראבלעמען אדער לונגען קראנקהייט, און אזוי אויך גאר קליינע קינדער, מענטשן עלטער פון 65 יאר און טראגעדיגע מענטשן. די בעסטע וועג פאר שוואכערע מענטשן זיך צו באשיצן איז צו בלייבן אינעווייניג, רעדוצירן דאס זיין אויסגעשטעלט און ווי ווייניגער זיך אויסמוטשען אינדרויסן. אויב איר מוזט ארויסגיין אינדרויסן, טראגט ביטע א גוט-צוגעדרוקטע מאסקע פון א הויכע קוואליטעט בשעת די נישט געזונטע אומשטענדן גייען אן. און אין פלעצער וואו די לופט קוואליטעט איז דעזיגנירט אלץ סכנות'דיג (Hazardous) איז די אויבנדערמאנטע רעקאמענדאציע פאר יעדן איינעם."

**MTA פארזיצערין און CEO, דזשענאַו ליעבער, האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט. פילע ניו יארקער ווילן מעגליך אריבערפארן צו זייערע אפיסעס מיט עיר קאנדישען דורכאויס די לופט קוואליטעט עפיזאדע, און זיי קענען זיין זיכער אז די MTA באנען און באסעס וועלן פארזעצן צו פארן אויסגעשטאט מיט לופט פילטרירונג."

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ריק קאטאן, האט געזאגט,** "די געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזערע קליענטן איז די וויכטיגסטע זאך פאר יעדן איינעם ביי די פארט אויטאריטעט, באזונדערס אין די צייט ווען אונזער גאנצע ראיאן זעצט פאר צו האבן א שלעכטע לופט קוואליטעט. אין אנטווארט צו די פארלאנג פון גאווערנער האקול וועלן מיר פארטיילן וויפיל מאסקעס מיר קענען נאר פאר אונזערע פאסאנזשירן ביי די פארט אויטאריטעט באס טערמינאל. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און איר מאנשאפט פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו פובליק זיכערהייט."

**זיין אויסגעשטעלט צו יעצטיגע לופט קוואליטעט אומשטענדן קען ברענגען נעגאטיווע געזונטהייט השפעות, אריינרעכנענדיג:**

- אז די אויגן, נאז אדער האלז זאלן קראצן
- א הוסט
- ניסן
- א רונענדיגע נאז
- א קורצע אטעם

די אומשטענדן זענען באזונדערס סכנות'דיג פאר שוואכערע ניו יארקער מיט מעדיצינישע פראבלעמען ווי צום ביישפיל אסטמא און/אדער הארץ קראנקהייט.

די DEC און DOH גיבן ארויס לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס ווען DEC וועטער עקספערטן זאגן פאר אז די שטאפלען פון לופט פארפעסטיגונג – צוליב אָזאָון אדער שטויב אין די לופט – זענען ערווארטעט איבערצושטייגן א 'לופט קוואליטעט אינדעקס' (Air Quality Index, AQI) פון אזויפיל ווי 100. די היינטיגע אדווייזארי איז צוליב שטויב אין די לופט וואס איז אריינגעברענגט געווארן דורך די ווינט פון די וואלד פייערן. די AQI וואגשאל איז אוועקגעשטעלט געווארן אלץ א גרינגע וועג צו קענען פארגלייכן שטאפלען פון פארשידענע סארטן פארפעסטיגונג מיט איין ציפער, ווען די געזונטהייט זארג איז העכער אלץ העכער די AQI איז.

די לעצטע AQI שאצונגען קען געזעהן ווערן [דא](#).

__**טיפס פאר ניו יארקער צו בלייבן פארזיכערט**__

- באגרעניצט די צייט אינדרויסן צו רעדוצירן דאס זיין אויסגעשטעלט צו רויעך
- האט די פענסטערס פון היימער און געביידעס פארמאכט
- פארמיידט אקטיוויטעטן וואס מוטשענען אויס
  - דרויסנדיגע אקטיוויטעטן פאר אלע גרופעס זאלן באגרעניצט ווערן אדער געהאלטן ווערן צו די מינימום ווען מעגליך, אזוי ווי די מיט אסטמא, אלערגיעס און אנדערע זאכן קענען אפעקטירט ווערן
- פארמיידט זיך פון זיין אויסגעשטעלט פאר א לענגערע צייט
  - מענטשן מיט געזונטהייט פראבלעמען ווי הארץ אדער לונגען קראנקהייט און אזוי אויך מענטשן וועלכע זענען טראגעדיג

- פאר די וועלכע מוזן פארן אינדרויסן פאר א באדייטנדע צייט, קענען גוט-צוגעדרוקטע מאסקעס פון א הויכע קוואליטעט העלפן רעדוצירן דאס זיין אויסגעשטעלט.

די לעצטע פייער סכנה מאפע איז פארעפנטליכט אויף די DEC'ס וועבזייטל. כאטש די פייער פארבאט אריבער די סטעיט איז מער נישט אין קראפט, זאלן האלץ פייערן נאכאלץ געמאכט ווערן נאר ווען עס איז באמת נויטיג. פארברענען מיסט אדער בלעטלעך איז פארבאטן א גאנץ יאר אין ניו יארק סטעיט.

פאר מער אינפארמאציע איבער פייער זיכערהייט און פארמיידונג, גייט צו די DEC'ס FIREWISE New York (פייער-קלוגע ניו יארק) וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418